בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת מִקֵּץ

תשפ"א

הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


אִיךְ בִּין אַלֵיין דִי כַּפָּרָה הִינְדְל אִינְדֶערְהֵיים, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן? ............................ א

קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין דֶעם שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת, מִיטְ'ן עֶס צֶעטֵיילְן אִין חֲלָקִים?. ד

קֶען אִיךְ נוּצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט פַאר הֲפָצָה? ............................ ה

וָואס זֶענֶען דִי הַנְהָגוֹת זִיךְ צוּ פִירְן אִין יוֹם הַחוּפָּה? ............................ ו

דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן חֲתוּנָה מַאכְן בִּילִיג? ............................ ח

פוּן וִויפִיל יָאר מֶען דַארְף אָפְּגִיסְן אַ קִינְד נֶעגְל וַואסֶער? ............................ י

דִי קַמֵיעַ פוּן מוֹהֲרַ"א'ש דַארְף הָאבְן דָאס בִּילְד דֶערוֹיף? ............................ יא


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אִיךְ ווִישׁ זִיךְ אָפּ מִיט דֶעם ............................ א

אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל צוּ דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים ............................ ב

דֶער גַבַּאי הָאט אַ זְכוּת אִין דִי תּוֹרָה וּתְפִלָּה פוּן דִי מִתְפַּלְלִים און לוֹמְדִים ............................ ב

וִוי מֶער מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער, אַלְץ מֶער קֶענֶען זֵיי פַארְנֶעמֶען ............................ ג

"עֹנֶג שַׁבָּת" קַאסֶע, צוּצוּשְׁטֶעלְן עֶסְן פַאר מִשְׁפָּחוֹת אוֹיף שַׁבָּת ............................ ד

אִיךְ וָואלְט נִישְׁט אַרֵיינְגֶענוּמֶען אַזַא טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ פַאר קַיין גֶעלְט ............................ ד

מֶען קֶען שֶׁעפְּן נַחַת פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְּ'עֶ קִינְדֶער, אָדֶער זִיךְ אוֹיפְעֶסְן דִי יָארְן ............................ ה

מִיר ווִילְן אַזֶעלְכֶע אֵיידֶעלֶע מִשְׁפָּחוֹת בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט ווִי דַיין מִשְׁפָּחָה ............................ ו

פֿוּן וואוּ נֶעמְסְטוּ דִי שְׁטַארְקֵייט וֶוען דַיין מִשְׁפָּחָה מַאכְט חוֹזֶק פֿוּן דִיר ....ז

דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן טְרָאץ דִי יְסוּרִים אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן ............ז

הִלְכוֹת שַׁבָּת מוּז מֶען לֶערְנֶען אוּן גוּט קֶענֶען ......................................ח

שְׁאֵלוֹת אִין הִלְכוֹת מֻקְצֶה ......................................................ט

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶעס מָאל דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה .......................יא

לַאכְט זִיךְ אוֹיס וֶוען אֵיינֶער מַאכְט אַייךְ אַוֶועק .............................יא

אַז דֶער שִׁידוּךְ גֶעפֶעלְט דִיר, אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ דוּ וֶועסְט וואוֹינֶען ...........................................................................יב

וִוי אַזוֹי צוּ בַּאצָאלְן וָואס מֶען הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט אַלְס קִינְד פֿוּן גֶעשֶׁעפְטְן ..יב

זוּכְט נִישְׁט אַוֶועקְצוּגֵיין פֿוּן שְׁטוּבּ אוֹיף שַׁבָּת...............................יג

לָאמִיר זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְן .....................יד

מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פֿוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם, וֶועט עֶס אַוֶועקְגֵיין..................טו

מִיר הָאבְן גֶעטְרָאפְן דֶעם פַּךְ שֶׁמֶן וָואס דֶערְלַייכְט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן ........... יז

דִי מֵפִיצִים וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם, זֶענֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.......... יז

זָארְגְט נִישְׁט פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ, אַ שִׁידוּךְ קוּמְט פֿוּן הִימְל ................. יט

קְלֶעבּ נִישְׁט קַיין סְטִיקֶערְס אוֹיף דִי גַאסְן............................................ יט

בְּלַייבּ מִיט דַיין טַאטֶע'ס מִנְהָגִים, נֶעם דֶעם רֶבִּי'ן נָאר מוֹסִיף צוּ זַיין ........כ

זַייט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ מִיט דִי וֶועגְן פֿוּן מוֹהֲרָא"ש אִין יַבְנְאֵל............... כא

זַייט אַייךְ מְקַבֵּל אַ גוּטֶע זַאךְ, וָואס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר אַייךְ .............כב

פִיר דִי שׁוּל אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעזֶען אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה............... כג

דַאוֶוענֶען מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל ................................................כד

אַ שָׁאד דִי צַייט אוּן דָאס גֶעלְט פַאר טֶערֶעפִי ..................................כד

מִיר טָארְן זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פֿוּן דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים ............כו

גֶעבְּן צוּ לֵייזְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ........................................כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִיךְ בִּין אַלְץ דִי כַּפָּרָה הִינְדְל אִינְדֶערְהֵיים, וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל וָואס אִיז זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת, אִיךְ בִּין אָבֶּער זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט אוּן אַנִידֶערְגֶעשְׁלָאגְן. מַיין טַאטֶע שְׁרֵייט זֵייעֶר אַסַאךְ אִין שְׁטוּב, אָן קַיין שׁוּם סִיבָּה, אוּן אִיךְ בִּין אֵייבִּיג דִי כַּפָּרָה וָואס דַארְף לַיידְן, אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין טַעַם צוּ גֵיין אִין שׁוּלֶע אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶפֶּעס חִיזוּק פַאר מִיר, אוּן אֶפְשָׁר אוֹיךְ אַ תְּפִלָּה אוֹיף אִידִישׁ זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי אִידִישֶׁע נִיגוּנִים וָואס זֶענֶען הֶערְלִיךְ שֵׁיין אוּן זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק.

אִיךְ הָאב יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט זָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים צוּם דְרִיטְן מָאל אִין לֶעבְּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ״ז כִּסְלֵו, ג׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִי׳**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמְט פוּן נִישְׁט זַיין**

פְרֵיילִיךְ; וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט אַלֶעס אַוֶועק. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: "שִׂמְחָה אִיז עוֹלָם הַחֵרוּת", דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בְּשִׂמְחָה - דֶער לֶעבְּט אִין אַ פְרֵייעֶ וֶועלְט, עֶר שְׁפָּארְט אַיין אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ.

אַז אִיר וֶועט אַרְבֶּעטְן אוֹיף צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיר וֶועט זוּכְן דָאס גוּטְס וָואס אִיר הָאט - וֶועט אִיר שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין וֵוייטָאג פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אִיר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט דִי שׁוּלֶע. אַלֶע וֵוייטָאג וֶועט פַארְשְׁווִינְדְן וֶוערְן.

דִי פְרַאגֶע אִיז נָאר: 'ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; ווִי אַזוֹי פַארְטְרַייבְּט מֶען דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה?' דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ וֶועגְן ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְטְרַייבְּן דִי עַצְבוּת אוּן וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אִיז אוֹיפְזוּכְן גוּטֶע זַאכְן אִין זִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצה): דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט.

דִי צְוֵוייטֶע עֵצָה אִיז תְּפִלָּה, בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נב): "צְרִיכִים לְבַקֵּשׁ קוֹדֶם עַל מִדָּה אַחַת, וּכְשֶׁשּׁוֹבְרִים אֶת הַמִּדָּה הַזּוֹ, אָז צְרִיכִים לְהִתְפַּלֵּל עַל מִדָּה שְׁנִיָּה, וְכֵן לְבַקֵּשׁ בְּכָל פַּעַם עַל מִדָּה אַחֶרֶת עַד שֶׁיְּבַטֵּל מִמֶּנּוּ אֶת כָּל הַמִּדּוֹת וְהַתַּאֲווֹת רָעוֹת", אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם נֶעמֶען אֵיין מִדָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אוּן וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין צֶעבְּרָאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה זָאל עֶר נֶעמֶען נָאךְ אַ מִדָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידּוֹת.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאל מֶען בֶּעטְן אוֹיף "שִׂמְחָה"; אֵיינְמָאל מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין אַוֶועק אַלֶע מִידּוֹת רָעוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת. וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, דֶער פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶר הָאט נָאר גוּטְס, ווִידֶערְאוּם חַס וְשָׁלוֹם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג, בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, הָאט מֶען גָארְנִישְׁט.

דָא הָאט אִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה; הֵייבְּט אָן מִיט דִי תְּפִלָּה אוּן לֵייגְט אַרַיין אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, רֶעדְט אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס לִיגְט אַייךְ אוֹיפְ'ן

הָאָרֶץ:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט און זֵייעֶר צֶעדְרוּקְט; מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז מִיר טוּנְקֶל, אִיךְ הָאבּ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַן אַנְדֶערֶע פַּרְשָׁה, אִיךְ הָאבּ צוּטוּן מִיט מַיין טַאטֶע, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז מִיר פִינְסְטֶער און טוּנְקֶל.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן זֶען דָאס גוּטְס וָואס אִיךְ הָאבּ; דוּ בִּיסְט דָאךְ אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דוּ גֶעבְּסְט מִיר לֶעבְּן, דוּ גֶעבְּסְט מִיר אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן. אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, אִיךְ זֶע, אִיךְ הֶער און אִיךְ שְׁמֶעק, אִיךְ קֶען רֶעדְן און עֶסְן, אִיךְ גֵיי און קוּם, אִיךְ קֶען זִיךְ בַּאוֶועגְן. ווִיפִיל אִיךְ וֶועל נָאר פְּרוּבִּירְן אוֹיסְרֶעכֶענֶען דָאס גוּטְס - וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען, מִיט דֶעם אַלֶעם בִּין אִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁלָאגְן, אִיךְ זֶע נָאר דָאס שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ זֶע נִישְׁט דָאס גוּטְס; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן זֶען ווִי גוּט דוּ בִּיסְט צוּ מִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן זֶען און פַארְשְׁטֵיין אַז דוּ בִּיסְט אַלֶעס און דוּ טוּסְט אַלֶעס, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן ווִי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ פוּן דִיר; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אַלֶעס בִּיסְטוּ אַלֵיינְס. מַיין טַאטֶע, מַיין מַאמֶע, מַיין שׁוּלֶע און מַיין מִשְׁפָּחָה - אַלֶעס בִּיסְטוּ, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר קוּמְט פוּן דִיר, דוּ ווִילְסְט מִיר בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּ דִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דַיינֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים - אַבְרָהָם, יִצְחָק און יַעֲקֹב, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אִמָּהוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל און לֵאָה, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און בִּזְכוּת מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין דֶעם שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת, מִיטְ'ן עֶס צֶעטֵיילְן אִין חֲלָקִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, בְּרִיוו, גִלְיוֹנוֹת און טֶעגְלִיכֶע חִיזוּק. און לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם פְלַייסִיג אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה און אִיךְ טוּ אוֹיךְ אַסַאךְ הֲפָצָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וֶועגְן הִתְבּוֹדְדוּת. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן מַאכְן אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען צֶעטֵיילְן דִי שָׁעָה אוֹיף דְרֵיי, דָאס הֵייסְט צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת פַאר צְוָואנְצִיג מִינוּט דְרֵיי מָאל אַ טָאג. מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ דָאס וֶוערְט טַאקֶע גֶערֶעכְנְט וִוי אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת.

אִיךְ ווייס אַז אֲפִילוּ רֶעדְן נָאר אֵיין וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב און גוּט, אִיךְ וויל נָאר פְרֶעגְן לְגַבֵּי דֶעם עִנְיָן פוּן מַאכְן אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת, אוֹיבּ מֶען אִיז מְקַיֵּים דֶעם זַאךְ פוּן רֶבִּי'ן אוֹיבּ מֶען צֶעטֵיילְט עֶס אִין דְרֵיי.

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵו, ג' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צו): "אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג מִתְבּוֹדֵד זַיין, פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן - זָאל מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, וְויל אִיךְ אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת".

זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז דָאס קֶען מֶען שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט, עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ זִיצְן אֵיין שָׁעָה אִין אַ צִי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, דֶערִיבֶּער קֶען מֶען צֶעטֵיילְן דִי שָׁעָה אִין דְרֵיי חֲלָקִים, אִינְדֶערְפְרִי צְוָואנְצִיג מִינוּט, נָאכְמִיטָאג צְוָואנְצִיג מִינוּט און בַּיינַאכְט נָאךְ צְוָואנְצִיג מִינוּט; מִיט דֶעם קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, מִיר זָאלְן הָאבְּן לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ס, מִכְתָּב יב אֱלֶף, קמ; וְעוֹד), מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי הֲלָכָה פוּן זַאלְצְן פְלֵייש (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן סט, סְעִיף ו) אַז וָוען מֶען מַאכְט כָּשֵׁר פְלֵייש, מֶען זַאלְצְט דִי פְלֵייש אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי בְּלוּט - דַארְף מֶען לְכַתְּחִילָה זַאלְצְן דִי פְלֵייש פַאר אַ שָׁעָה, אָבֶער בִּשְׁעַת הַדְּחַק קֶען מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיב מֶען זַאלְצְט עֶס פַאר צְוָואנְצִיג מִינוּט; זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, וָוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן אִיז דָאס אַזוֹי וִוי זַאלְצְן, דָאס נֶעמְט אַרוֹיס דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט וָואס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, דִי תַּאֲווֹת נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן; לְכַתְּחִילָה זָאל מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אַ שָׁעָה אוּן אַז עֶס אִיז שְׁעַת הַדְּחַק זָאל מֶען דָאס טוּן דְרֵיי מָאל אַ טָאג פַאר צְוָואנְצִיג מִינוּט; אַז דָאס אִיז אוֹיךְ שְׁוֶוער זָאל מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין פַאר פִינְף מִינוּט אוּן אַז מֶען קֶען דָאס אוֹיךְ נִישְׁט זָאל מֶען אַרוֹיסְזָאגְן אֵיין וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי חָשׁוּב יֶעדֶע וָוארְט פוּן תְּפִלָּה אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיב מִיר וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וִוי חָשׁוּב תְּפִלָּה אִיז - וָואלְטְן מִיר גֶעדַאוְונְט אַ גַאנְצְן טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶען אִיךְ נוּצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט פַאר הֲפָצָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ לֵייגְן גִּלְיוֹנוֹת יֶעדְן פְרֵייטָאג אִין דִי שׁוּלְן פוּן מַיין גֶעגְנְט. אִיךְ דְרוּק עֶס בַּיי אַ לָאקַאלֶע בֵּית הַדְּפוּס אוּן עֶס קָאסְט מִיר גֶעלְט, וְויל אִיךְ וִויסְן אוֹיב אִיךְ מֶעג עֶס צָאלְן פוּן מַעֲשֵׂר גֶעלְט.

אוֹיךְ טְרַאכְט אִיךְ צוּ קוֹיפְן אַ פְּרִינְטֶער עֶס צוּ קֶענֶען אַלֵיינְס דְרוּקְן, מֶעג מֶען עֶס צָאלְן מִיט מַעֲשֵׂר גֶעלְט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵו, ד' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיְין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הֲפָצָה; דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט וֶועכְנְטְלִיךְ דִי גִּלְיוֹנוֹת אִין שׁוּל'ן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט הֲפָצָה אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס אִיז דֶער סִימָן אַז מֶען הָאט לִיבּ דֶעם טַאטְן [דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן]? אַז מֶען הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער [אִידִישֶׁע קִינְדֶער]"; אַז מֶען גֵייט הֲפָצָה, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן פַאר אַ צְוֵוייטְן, מֶען וִויל נָאךְ אַ אִיד זָאל לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, נָאךְ אַ אִיד זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַ אִיד זָאל וויסְן פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג פוּן לֶערְנֶען (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) - וַוייזְט מֶען אַז מֶען הָאט לִיבּ אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן אַז מֶען הָאט לִיבּ אַ צְוֵוייטְן אִיד וַוייזְט מֶען מִיט דֶעם אַז מֶען הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַוַדַאי קֶענְסְטוּ נֶעמֶען מַעֲשֵׂר גֶעלְט פַאר הֲפָצָה; פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר ה, לו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קיט, קמב): "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען טוּן צְדָקָה עֶס זָאל בְּלַייבְּן אוֹיף שְׁטֶענְדִיג? דוּרְךְ 'וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת'; "עַל יְדֵי שֶׁנּוֹתְנִין צְדָקָה לְחַבֵּר סְפָרִים וּלְהָאִירָם בָּעוֹלָם לְבָאֵר דִּבְרֵי הַתּוֹרָה", אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה צוּ דְרוּקְן סְפָרִים וָואס מַאכְן לִיכְטִיג דִי וֶועלְט, סְפָרִים וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען; אַז מֶען דְרוּקְט וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת, דֶעמָאלְט אִיז צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס זֶענֶען דִי הַנְהָגוֹת זִיךְ צוּ פִירְן אִין יוֹם הַחוּפָּה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, חִיזּוּק אוּן דִי גֶעווָאלְדִיגֶע בְּרִיוו

וָואס זֶענֶען אַזוֹי מְחַזֵּק אִין יֶעדְן מַצָּב.

אַזוֹי וִוי אִיךְ גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּ מַיין חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, ווִיל אִיךְ וִויסְן הַדְרָכוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ גְרֵייטְן דֶערְצוּ, וִוי אוֹיךְ אוֹיב אִיז דָא עֶפֶּעס הַנְהָגוֹת זִיךְ צוּ פִירְן אִינֶעם יוֹם הַחוּפָּה.

דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר הָאט מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעשְׁרִיבְּן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער פַאר חֲנוּכָּה אוּן דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזּוּק, אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעמַאכְט אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶועט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף שׁוֹין זַיין בַּיי מִיר "נֵר אִישׁ וּ'בֵיתוֹ'".

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ח כִּסְלֵו, ד׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע הֲכָנָה פַאר דַיין חֲתוּנָה, זָאלְסְט עוֹסֵק זַיין וִוי מֶער אִין הֲפָצָה; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זַיינֶע קִינְדֶער צוּ אִים.

מִיר זָאלְן אַריינְקְלֶערְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז עֶס פַּאסִירְט אַן אוּמְגְלִיק אִין אַ מִשְׁפָּחָה, אַ קִינְד פַּאלְט אַוֶועק, עֶר ווִיל נִישְׁט וִויסְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, עֶר הַאקְט אָפּ מִיט דִי עֶלְטֶערְן אוּן עֶס קוּמְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ גוּטֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר רֶעדְט צוּם קִינְד אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, וָואלְט מֶען דָאךְ גֶעהַאט אַזַא לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִים, מֶען וָואלְט אִים אִים גֶעגֶעבְּן אַלֶע גוּטְס וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ - פַאר דִי גְרוֹיסֶע טוֹבָה וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר הָאט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם קִינְד.

אַזוֹי קוּקְט מֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוֹיף דֶער וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, דִי קוּנְטְרֵסִים - וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַזַא שְׁפְּרַאךְ וָואס רֶעדְט צוּ בְּנֵי הַנְּעוּרִים; מֶען גֶעבְּט דֶעם מֵפִיץ אַלֶעס גוּטְס.

בְּנוֹגֵעַ אַ סֵדֶר פַארְ'ן יוֹם הַחֻפָּה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי, כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי וְשֶׁל בָּנַי וְהַתְּלוּיִים בִּי עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה טוֹב מְאֹד", אִיךְ פִיר זִיךְ אַז יֶעדְן

אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער אַלֶע מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַלֶע מַיינֶע דִיבּוּרִים אוּן אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "גַּם אֲנִי אֵין צָרִיךְ לִדְאֹג וְלַחְשֹׁב כְּלָל 'אִם מִתְנַהֵג כָּרָאוּי אִם לָאו', מֵאַחַר שֶׁסּוֹמֵךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ. וְאִם הוּא יִתְבָּרַךְ רוֹצֶה בְּעִנְיָן אַחֵר - הוּא מְרֻצֶּה לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיָן אַחֵר כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי, אַזוֹי דַארְף אִיךְ נִישְׁט טְרַאכְטְן נָאכְדֶעם צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אָדֶער אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט טוּן פַארְקֶערְט, וַוייל אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס זִיכֶער גוּט; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג אִין דַיין לֶעבְּן, בִּפְרַט אִין אַזַא טָאג וְוִי דֶער יוֹם הַחֻפָּה; גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אַלֶעס פָארְן גֶעשְׁמִירְט.

גֵיי צוּ דַיין חוּפָּה מִיט אַ שִׂמְחָה; דַיינֶע לִיפְּן זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיט מִיר אַ גַאנְץ לֶעבְּן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט גֵיין צוּ דַיין חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ לְשֵׁם וּלְתוֹרָתוֹ.

...

### דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן חֲתוּנָה מַאכְן בִּילִיג?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דִי נַארִישֶׁע טֵייעֶרֶע חֲתוּנוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן בָּארְגְן זִיךְ אָן מִיט חוֹבוֹת, אִיבֶּער דִי נַארִישְׁקֵייט דֶערְפוּן.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, הֱיוֹת אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, צִי אִיז דָא אַ וֶועג אוּן צִי אִיז ווִיכְטִיג פַאר אַ מְלַמֵּד אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנג אַז מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן אוּן דָאס גְלַייכְן. וָואס לִכְאוֹרָה וֶועט זֵיי דָאס זַיין אַסַאךְ גְרִינְגֶער אָנְצוּנֶעמֶען וֶוען זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן. אוֹיבּ יָא בִּיטֶע שְׁרַייבְּט אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵו, ה' דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ וֶועלְן זַיין צַדִּיקִים; קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת, עֶס פְּלַאקֶערְט אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמ"ח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט וִויסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וֶוען מֶען הֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל מֶען הֶערְט צוּ וָואס דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען, מֶען פַארְשְׁטֵייט אַז זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן דָאס בֵּייגֶעקוּמֶען - וִויל מֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק; בִּפְרָט וֶוען קִינְדֶער הֶערְן זִיךְ אַיין מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ דֶעם.

צוּ יוּנְגֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט שַׁייךְ צוּ רֶעדְן פוּן דִי זַאכְן, אַז מֶען אִיז אַ מְלַמֵּד פַאר עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן צוּ זֵיי וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן לֶעבְּן, וָואס הָאט מֶען פוּן אַ טֵייעֶרֶע בַּר מִצְוָה? אַלֶעס אִיז נַארִישׁ, דָאס קוּמְט פוּן דִי עֲשִׁירִים וָואס הָאבְּן וֵוייניג שֵׂכֶל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן סד): "כָּל הַנְּגִידִים הַגְּדוֹלִים, כִּמְעַט כֻּלָּם, הֵם מְשֻׁגָּעִים מַמָּשׁ", דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אַלֶע אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע; זֵיי מַאכְן זִיךְ נַארִישׁ פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב): "כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן וֵוייניג שֵׂכֶל דַארְף מֶען גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד, "כִּי כָּל מַה שֶּׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן, הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד", וַוייל וִוי וֵוייניגֶער שֵׂכֶל מֶען הָאט, וִויל מֶען מֶער כָּבוֹד; דֶערִיבֶּער מַאכְן זֵיי זִיךְ נַארִישׁ מִיט טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת. מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אַכְטוּנְג גֶעבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ קִינְד אוּן זִיכֶער נִישְׁט קֵיינְמָאל פַארְשֶׁעמֶען. עֶס לִיגְט אַ חִיוּב אוֹיפְ'ן מְלַמֵּד צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט קַיין רְשׁוּת זֵיי צוּ פַארְשֶׁעמֶען; אַ מְלַמֵּד וָואס פַארְשֶׁעמְט קִינְדֶער, אַ מְלַמֵּד וָואס שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער - דַארְף מֶען לֵייגְן אִין חֵרֶם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי מוֹעֵד קָטָן ג, א) אַ מְלַמֵּד אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אַחָא "וָואס דַארְף אִיךְ טוּן, אַ דִינְסְט הָאט מִיר גֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם, דַארְף אִיךְ טַאקֶע זַיין אִין חֵרֶם?" פְרֶעגְט אִים רֶבִּי אַחָא: "פַארְוָואס הָאט זִי דִיר גֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם?" זָאגְט דֶער מְלַמֵּד: "וַוייל זִי הָאט גֶעזֶען ווִי אִיךְ שְׁלָאג אַ קִינְד מֶער ווִיפִיל אִיךְ הָאבּ אִים גֶעדַארְפְט שְׁלָאגְן, הָאט זִי מִיר גֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם", הָאט אִים רֶבִּי אַחָא גֶעזָאגְט: "צָרִיךְ אַתְּ חָשֵׁשׁ עַל נַפְשָׁךְ", יָא, דוּ בִּיסְט אִין חֵרֶם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים.

...

### פוּן ווִיפִיל יָאר מֶען דַארְף אָפְּגִיסְן אַ קִינְד נֶעגְל וַואסֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אַזוֹיפִיל חִיזוּק ווַייטֶער אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חוֹדֶשׁ'לִיכֶע שִׁיעוּר פַאר דִי פְרוֹיעֶן, הַלְוַאי וֶוען עֶס קֶען זַיין יֶעדֶע וָואךְ.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען, יֶעדְן טָאג מַאכְט עֶר נָאךְ אַ סִיּוּם; אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעווָאלְט פְרֶעגְן פוּן ווִיפִיל יָאר מֶען דַארְף אָפְּגִיסְן אַ קִינְד נֶעגְל וַואסֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵו, ה' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

נֶעגְל וַואסֶער אִיז אַ יְסוֹד פַאר אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב; אַ שְׁטוּב וואו מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, טַאטֶע, מַאמֶע, קִינְד אוּן קֵייט - אִין אַזַא שְׁטוּב אִיז דָא טָהֳרָה. אַז מֶען אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער, מֶען גֵייט אַרָאפּ פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער - אִיז דָא אִין שְׁטוּב דָאס פַארְקֶערְטֶע פוּן קְדוּשָׁה.

עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער, מֶען הָאט אַלֶעס אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דֶעם; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז דָאס קִינְד הָאט זִיךְ צֶעקְלַאפְּט הָאט מֶען זִיךְ גְלַייךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיב דָאס קִינְד הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגָאסְן נֶעגְל וַואסֶער; אַז מֶען הָאט גֶעזֶען אַ קִינְד פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען הָאט מֶען זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיב עֶר הָאט זִיךְ הַיינְט אָפְּגֶעגָאסְן נֶעגְל וַואסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אַמָאל אָנְגֶערוּפְן אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען חֲסִידוּת: "עֶס שְׁמֶעקְט עֶפֶּעס אַ רוּחַ טוּמְאָה"; קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס גֵייט פָּאר, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין צוּ אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים, עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס שְׁמֶעקְט עֶפֶּעס פוּן רוּחַ הַטוּמְאָה", בִּיז דֶער תַּלְמִיד הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעגָאסְן נֶעגְל וַואסֶער.

בְּנוֹגֵעַ פוּן וֶוען מֶען זָאל אָפְּגִיסְן דִי קִינְדֶער נֶעגְל וַואסֶער; עֶרְלִיכֶע אִידְן פִירְן זִיךְ אָפְּצוּגִיסְן דִי קִינְדֶער פוּנֶעם גֶעבּוֹירְן, בִּפְרַט בַּיי אוּנְז אִיז מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, אָפְּצוּגִיסְן דִי קִינְדֶער פוּנֶעם גֶעבּוֹירְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי'ס מַאמֶע הָאט גֶעטוּן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט בַּיינַאכְט אוּן זִי הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן עֶסְן הָאט זִי אִים אָפְּגֶעגָאסְן דְרֵיי מָאל יֶעדֶע הַאנְט (עַיֵּין פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק סִימָן יט, בְּהַגָּה).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי קַמֵיעַ פוּן מוֹהֲרָא"ש דַארְף הָאבְּן דָאס בִּילְד דֶערוֹיף?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ שֵׁיינֶעם דַאנְק אוֹיף אַלֶע שִׁיעוּרִים, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ בַּייצוּשְׁטֵיין אַלֶע נִסְיוֹנוֹת.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דִי קַמֵיעַ פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל

און אִיךְ וויל טְרָאגְן דִי קַמֵיעַ, אָבֶער מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן מִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין צְנִיעוּת אַז אַ מֵיידְל זָאל טְרָאגְן אוֹיף זִיךְ אַ בִּילְד פוּן אַ מַאן, אֲפִילוּ פוּן אַ צַדִיק. וויל אִיךְ וויסְן אוֹיב אִיךְ קֶען פַארְדֶעקְן דָאס בִּילְד, אוֹיב דָאס וֶועט נָאךְ וַוייטֶער זַיין אַ שְׁמִירָה און סְגוּלָה, און אַזוֹי וֶועלְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוֹיךְ זַיין צוּפְרִידְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ט כִּסְלֵו, ה׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי קַמֵיעַ פוּן מוֹהֲרָא״ש אִיז נִישְׁט דָאס בִּילְד, דִי קַמֵיעַ אִיז דִי אוֹתִיוֹת וָואס אִיז אַיינְגֶעקְרִיצְט דֶערִין, דָאס בִּילְד הָאט נִישְׁט מִיטְ׳ן קַמֵיעַ.

אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ווילְן נִישְׁט אִיר זָאלְט גֵיין מִיטְ׳ן בִּילְד קֶענְט אִיר אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם בִּילְד; הֲגַם עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם פַאר אַ פְּרוֹי אָדֶער מֵיידְל צוּ הָאבְּן אַ בִּילְד פוּן אַ צַדִיק. בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים בְּרֶענְגְט נָאר יִרְאַת שָׁמַיִם; עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער חֲזוֹן אִישׁ זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה הָאט גֶעהֵייסְן פַאר אַ מְנַהֵל פוּן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע עֶר זָאל אוֹיפְהֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים אִין אַלֶע קְלַאסְן כְּדֵי דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זֶען דֶעם פָּנִים פוּן צַדִיקִים און דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אוֹיף זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַז אַייעֶר מַאמֶע וויל נִישְׁט אִיר זָאלְט הָאבְּן דִי בִּילְד - נֶעמְט אַרָאפּ דֶעם בִּילְד. בְּלַייבְּט מִיט דִי קַמֵיעַ; דָאס וֶועט זַיין אַ סְגוּלָה פַאר שְׁמִירָה און הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אִיךְ ווִישׁ זִיךְ אָפּ מִיט דֶעם

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער זוּן הָרַב הַגָּאוֹן ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ, נוּץ אוֹיס דַיינֶע טֶעג יֶעצְט פַאר דַיין חֲתוּנָה מִיט תּוֹרָה, עֲבוֹדָה אוּן גְּמִילוּת חֲסָדִים.

קוּם צַייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען הֲלָכָה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זַייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן לֶערְנֶען הֲלָכָה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט). אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְגֵיין מִיטְ׳ן פָּארְלֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא פַאר תַּלְמִידִים, תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט תַּלְמִידִים אִיז זַייעֶר חָשׁוּב; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז.): ״וּמִתַּלְמִידַי יוֹתֵר מִכֻּלָּם״, וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט תַּלְמִידִים וֶוערְט דָאס זַייעֶר שְׁטַארְק אַיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

פַארְנַאכְטְס זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה - דָאס אִיז גְּמִילוּת חֲסָדִים; גֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת פַאר אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן, דָאס וַואשְׁט אָפּ אַלֶע פְּגָמִים. וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִיר: ״גֵיי ווִישׁ זִיךְ אָפּ מִיט דִי גִּלְיוֹנוֹת!!״ ״ווִישׁ זִיךְ אָפּ מִיט דִי סְפָרִים!!״ וֶוער נִישְׁט שְׁוַואךְ פוּן דֶעם; טְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳דָאס טוּ אִיךְ דָאךְ! דָאס דַארְף אִיךְ דָאךְ! אִיךְ דַארְף זִיךְ אָפְּוַואשְׁן אוּן זִיךְ אָפְּזוֹיבֶּערְן פוּן אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת; הֲפָצָה וַואשְׁט מִיךְ אָפּ, הֲפָצָה ווִישְׁט מִיךְ אָפּ׳.

עֶס אִיז דָא צַייט פַאר אַלֶעס; אַז מֶען הִיט דִי צַייט אִיז דָא צַייט פַאר דַאוֶוענֶען, פַאר לֶערְנֶען הֲלָכָה אוּן גְמָרָא, פַאר דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן פַאר הֲפָצָה.

...

## אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִּיל צוּ דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט וְויפִּיל גֶעלְט מֶען דַארְף מְנַדֵּב זַיין פַארְ׳ן קֶרֶן הַדְפָּסָה צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם ״שֵׁם הַבִּנְיָן״ פַארְ׳ן נֵייעֶם בִּנְיָן אִין שְׁטֶעטְל, אִין לִיבֶּערְטִי.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוָוארְן לְמַעֲשֶׂה, אוֹיבּ דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי זְכוּת פַאר דִיר אָדֶער נִישְׁט, אָבֶער דָאס אַלֵיינְס אַז דוּ הָאסְט גֶערוּפְן פְרֶעגְן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן - הָאט מִיר גֶעמַאכְט גְרוֹיס פְרֵייד; צוּ זֶען אַז דוּ הָאסְט נָאךְ דֶעם אַלְטְן גֶעפִּיל פוּן דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, עֶס לִיגְט נָאךְ אִין דִיר דֶעם גֶעפִּיל.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר אַלֶע דְרֵיי מֶעמְבֶּערְס: ... נֵרוֹ יָאִיר, ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, אַז אֲפִילוּ דוּ זָאלְסְט נָאר בְּלַייבְּן בַּיים פְרֶעגְן וְויפִּיל עֶס קָאסְט, בַּיים זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן - אִיז מִיר שׁוֹין אַ שִׂמְחָה גְּדוֹלָה, צוּ זֶען אַז דִי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה הָאבְּן אוּן בְּלַייבְּן מִיטְ׳ן גֶעפִּיל אִין הֲפָצָה וְהַדְפָּסָה.

...

## דֶער גַבְּאַי הָאט אַ זְכוּת אִין דִי תּוֹרָה וּתְּפִלָּה פוּן דִי מִתְפַּלְלִים אוּן לוֹמְדִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאַי בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; זַיין אַ גַבְּאַי אִיז אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אוּן אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, מֶען דַארְף הָאבְּן דִי שֵׂכֶל צוּ קֶענֶען גֵיין לְרוּחוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַן אַנְדֶערֶע רָצוֹן, אַן אַנְדֶערֶע מַחֲשָׁבָה; דֶער גַבְּאַי דַארְף קֶענֶען טְרֶעפְן אַ וֶועג צוּ קֶענֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן.

אַזוֹי וִוי דִי אַחֲרָיוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס - אִיז דִי שָׂכָר אוֹיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס, דֶער גַבָּאִי הָאט אַ זְכוּת אִין אַלֶע תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי מִתְפַּלְּלִים אוּן לוֹמְדִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ; גֵיי אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, זֶע עֶס זָאל זַיין אַ גֶעשְׁמַאקֶע דַאוֶוענֶען, מֶען זָאל דַאוֶוענֶען צַייטְלִיךְ, מֶען זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן, עֶס זָאל זַיין רֵיין אוּן גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְנ׳ס כָּבוֹד.

וֶוען דוּ טֵיילְסְט עֲלִיּוֹת זָאל יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאקוּמֶען אַן עַלִיָּ׳; הַאלְט חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדְן מִתְפַּלֵל עֶר זָאל בַּאקוּמֶען אַן עַלִיָּ׳ אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג דַארְף יֶעדֶער בַּאקוּמֶען דֶעם כִּיבּוּד פוּן פְּתִיחַת הָאָרוֹן אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַן הַקָּפָה.

אִיךְ בִּין דִיר גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן; אוֹיבּ דַארְף מֶען אֵיינֶעם מְעוֹרֵר זַיין וְכוּ׳, קֶען אִיךְ דָאס טוּן.

...

## וִוי מֶער מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער, אַלְץ מֶער קֶענֶען זֵיי פַארְנֶעמֶען

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְלַמֵד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵד; אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען אוֹיף מְלַמְדִים אַנְדֶערְשׁ וִוי דָא, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים נ.): ״עֶלְיוֹנִים לְמַטָּה וְתַחְתּוֹנִים לְמַעְלָה״; דִי מְלַמְדִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי זֶעעֶן אוֹיס דָא וִוי תַּחְתּוֹנִים, אָבֶּער אִין הִימְל זֶענֶען זֵיי לְמַעְלָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט מַיין זוּן ... דִי חוּמָשׁ רַשִׁ״י אוּן מִשְׁנָיוֹת, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר קֶען אוּן פַארְשְׁטֵייט; יֶעדֶע וָואךְ וֶוערְט עֶר בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, אִיךְ זֶע דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע אַרְבֶּעט וָואס דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ, בִּבְחִינַת מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ כְּשִׁיטַת בֵּית הִלֵּל; הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אַרוֹיפְצוּלֵייגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער מֶער אוּן מֶער. וִוי מֶער מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אַלְץ מֶער קֶענֶען זֵיי פַארְנֶעמֶען אוּן וִוי מֶער מֶען שׁוֹינְט זֵיי - אַלְץ פוֹילֶער וֶוערְן זֵיי.

...

### "עֹנֶג שַׁבָּת" קַאסֶע, צוּצוּשְׁטֶעלְן עֶסְן פַאר מִשְׁפָּחוֹת אוֹיף שַׁבָּת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... אוּן ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר פִיל נַחַת פוּן עֶנְק, סַיי פוּן דִיר וִוי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דוּ לֶערְנְסְט בְּהַתְמָדָה רַבָּה אִין כּוֹלֵל אוּן סַיי פוּן דַיין וַוייבּ ... תִּחְיֶ', וִוי זִי פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת, זִי אִיז אַ רִיכְטִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זָאל עֶפֶענֶען אַן "עֹנֶג שַׁבָּת" קַאסֶע ; צוּשְׁטֶעלְן עֶסְן פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת אִין דִי קְהִילָה וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת, זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט דִי נוֹיטִיגֶע זַאכְן.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען פוּן דִי קַאסֶע, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען פוּן אִים אַ בַּאקְס עֶסְן יֶעדֶע וָואךְ. וַוייל פוּן כּוֹלֵל גֶעלְט אַלֵיינְס קֶען מֶען נִיטְאַמָאל צָאלְן דִירָה גֶעלְט אוּן פוּן דַיין וַוייבְּס גֶעהַאלְט אִין סְקוּל, פוּן וַוארְטְן אוֹיף דֶעם - וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף שַׁבָּת.

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ נֶעמֶען ; מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דֶעם קַאסֶע סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, מְלַמְּדִים אוּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט.

...

### אִיךְ וָואלְט נִישְׁט אַרַייגְגֶענוּמֶען אַזַא טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ פַאר קַיין גֶעלְט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין שְׁאֵלָה.

פְרֶעג אַ דַיָּין וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן, אוֹיבּ דוּ מֶעגְסְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ דֶעם טֶעלֶעפָאוֹן צוּ מַאכְן גֶעלְט פוּן דִי שְׁטָאט וְכוּ', אֶפְשָׁר וֶועט עֶר טְרֶעפְן אַ וֶועג דִיר מַתִּיר צוּ זַיין.

אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן, אִיךְ וָואלְט נִישְׁט אַרַיינְגֶענוּמֶען בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אַ טֶעלֶעפָאוֹן - אֲפִילוּ אַהֶער אֲפִילוּ אַהִין, אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאר

אַזַא טֶעלֶעפָאוֹן - אַזֵי טֶעלֶעפָאוֹן; בַּיי מִיר אִיז דִי שְׁטוּב וִויכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט. אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי שְׁטוּבּ דַארְף זַיין רֵיין.

עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גְרִינְג דִיר צוּ זָאגְן וָואס צוּ טוּן וֶוען דוּ הָאסְט דִי בְּרֵירָה צוּ פַארְדִינֶען שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער פוּן דִי שְׁטָאט פַאר דַיין קִינְד וְכוּ', אִיךְ זָאג דִיר נָאר וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא.

...

## מֶען קֶען שֶׁעפְּן נַחַת פוּן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ קִינְדֶער, אָדֶער זִיךְ אוֹיפְעֶסְן דִי יָארְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

זָארְגְט נִישְׁט, אַייעֶר קִינְד וֶועט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, וָואס אַייעֶר מַאמֶע זָאגְט - אַז אַייעֶר בְּרוּדֶערְ'ס קִינְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן וֶועגְן אִיר; זַייט מִיר מוֹחֵל, אַ אִיד רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי. אִיךְ קֶען נִישְׁט אַייעֶר מַאמֶע, אָדֶער אִיז זִי נִישְׁט בַּיים זִינֶען, אָדֶער וֵוייס אִיךְ נִישְׁט... אַזוֹי רֶעדְט נִישְׁט אַ אִיד. אַייעֶר בְּרוּדֶער הָאט פַארְלוֹירְן זַיין קִינְד - נִישְׁט וֶועגְן בְּרֶסְלֶב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס חֶשְׁבּוֹנוֹת.

נֶעמְט אַרוֹיס דִי צֶעדְרֵייטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן קָאפּ; אַייעֶר מַאמֶע הָאט צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער הָאבְּן נַחַת פוּן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ קִינְדֶער, אָדֶער זִיךְ אוֹיפְעֶסְן דִי יָארְן, מֶער פוּן דֶעם קֶען זִי נִישְׁט טוּן. אִירֶע הַקְפָּדוֹת וֶועט שָׁאטְן 'נָאר' פַאר אִיר גֶעזוּנְט, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן; זִי אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט בַּיינַאכְט, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַייעֶר מֶעסִידְזְשׁ אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַייעֶר קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיק גֵיין שְׁלָאפְן פוּן דִי נַארִישֶׁע פְרוֹי וָואס פַּייִנִיגְט זִיךְ מִיט אִירֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ קִינְדֶער.

דָא קוּמְט אַרַיין דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "שַׁעֲרֵי

דְּמָעוֹת", דִי טִירְן פוּן טְרֶערְן, "לֹא נִנְעֲלוּ" - אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁפַּארְט; פַארְוָואס דַארְף זַיין טִירְן? אוֹיבּ אִיז עֶס אַלְץ אָפְן פֶעלְט דָאךְ נִישְׁט אוֹיס קַיין טִירְן?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דִי טִירְן דַארְף מֶען פַאר דִי נַארִישֶׁע מַאמֶעס וָואס וֵויינֶען וֶוען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוערְן מְקוּרָב צוּ צַדִּיקִים, זֵיי וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן מִיט חֲסִידִים, דֶעמָאלְט פַארְמַאכְט מֶען דִי טִירְן.

וֶוען אַייעֶר מַאמֶע זָאל וִויסְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מִיט אִירֶע קִינְדֶער... אַייעֶר בְּרוּדֶער ... הָאט נִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין תְּפִילִין וְכוּ' וְכוּ'; פוּן וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אַסַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה; דֶער עִיקָּר וָואס אִיךְ וִויל מִיט דֶעם בְּרִיוו אִיז אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת וָואס כַּאפְּן זִיךְ אַרַיין אִין אַייךְ פוּן אַייעֶר מַאמֶעס וֶוערְטֶער, כְּאִילוּ זִי קֶען מַקְפִּיד זַיין, זִי קֶען הַרְגְ'עֶנֶען; זִי קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, אֵיין בְּרֵירָה הָאט זִי, זִי קֶען הַנָּאָה הָאבְּן אוּן שֶׁעפְּן נַחַת אָדֶער זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן אוּן מַקְפִּיד זַיין אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

...

## מִיר ווִילְן אַזֶעלְכֶע אֵיידֶעלֶע מִשְׁפָּחוֹת בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט ווִי דַיין מִשְׁפָּחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן אִינֶעם נֵייעֶם בְּרֶסְלֶב'עֶר שְׁטָאט, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

פַאר מִיר אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע פְרֵייד, מִיר ווִילְן אַזֶעלְכֶע אֵיידֶעלֶע מִשְׁפָּחוֹת בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט ווִי דַיין מִשְׁפָּחָה. דִי שְׁטֶעטְל הָאבְּן מִיר גֶעבּוֹיט פַאר אֵיין סִיבָּה, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ רוּאִיגֶע פְּלַאץ צוּ קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶועג, זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג אוּן רֵיין.

קוֹדֶם קוּם אַרוֹיס אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף שַׁבָּתִים. אִיךְ הָאף צוּ טְרֶעפְן אַ דִירָה פַאר דִיר, יֶעצְט אִיז נִישְׁטָא קַיין דִירוֹת, אִיךְ הָאבּ אִיבֶּער פֶערְצִיג מִשְׁפָּחוֹת וָואס ווִילְן

זִיךְ אַהִין צִיעֶן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין דִירוֹת.

...

## פוּן וואוּ נֶעמְסְטוּ דִי שְׁטַארְקֵייט וֶוען דַיין מִשְׁפָּחָה מַאכְט חוֹזֶק פוּן דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ שְׁטֵיי אוּן אִיךְ שְׁטוֹין פוּן וואוּ דוּ נֶעמְסְט דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ בְּלַייבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בְּשָׁעַת דַיין מִשְׁפָּחָה מַאכְט חוֹזֶק פוּן דִיר, אַלֶע אִינְאֵיינֶעם לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן; דָאס אַלֶעס וַוארְפְט דִיר נִישְׁט אַרָאפּ, דוּ הַאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ..., הַאלְט זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְק, דִי שְׁוֶועריקֵייטְן וֶועלְן אַרִיבֶּערְגֵיין, בַּאלְד וֶועסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְן, דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע דוֹרוֹת אוּן פוּן דִי וָואס שְׁפֶּעטְן וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶע מָאל דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ מַסֶּכְתָּא אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט מִשְׁנָיוֹת.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיב, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר; אִיךְ הָאף צוּ זַיין דַיין שַׁדְכָן.

...

## דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן טְרָאץ דִי יְסוּרִים אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״ב כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר וַוייטָאגְלִיכֶע בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, גֶעדֶענְקְט: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר׳, לֶעבְּט מִיט דִי תּוֹרָה פוּן (תְּהִלִּים ד, ב): ״בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קצה)״; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אִין שְׁוֶוערֶע טֶעג, מִיר זָאלְן זוּכְן דָאס גוּטְס, מִיר זָאלְן זוּכְן דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז אִיר גֵייט אַרִיבֶּער אַזַא פַּרְשָׁה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה פַאר אַייעֶר מַאמֶע; עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ לֶעבְּן מִיט אַ מַאמֶע וָואס הָאט גֶעכַאפְּט אַ נֶערְוְון צַאמְבְּרָאךְ לֹא עָלֵינוּ, אָבֶּער אַז מֶען

גֶעדֶענְקְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר אַלֵיינְס מַאכְט אַלֶעס, עֶר אַלֵיינְס אִיז אַלֶעס, דֶעמָאלְט אִיז גְרִינְגֶער צוּ נֶעמֶען דִי יְסוּרִים.

דִי קְלַאפּ קוּמְט פוּן אוֹיבְן, דִי פַּאטְשׁ קוּמְט פוּן אוֹיבְן - אָבֶּער דִי עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן דִי וֶוייטָאג - דָאס מַאכְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ. מֶען זֶעט אַמָאל אִין אַ כִּתָּה, צְוֵויי קִינְדֶער כַאפְּן אַ פַּאטְשׁ פוּנֶעם מְלַמֵד, אֵיינֶער גֵייט וַוייטֶער אוּן דֶער צְוֵוייטֶער לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר וֵויינְט, שְׁרֵייט אוּן פַארְפִּיְרט; וָואס אִיז גֶעשֶׁען? דֶער צְוֵוייטֶער הָאט דֶען גֶעכַאפְּט אַ שְׁטֶערְקֶערֶע קְלַאפּ? נֵיין, בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעכַאפְּט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ נָאר דֶער צְוֵוייטֶער נֶעמְט עֶס מֶער צוּם הַארְצְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, נֶעמְט עֶס נִישְׁט צוּ שְׁטַארְק צוּם הַארְצְן.

אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ.

...

## הִלְכוֹת שַׁבָּת מוּז מֶען לֶערְנֶען אוּן גוּט קֶענֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ג כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי תַּלְמִידוֹת פוּן דִי עֶלְצְטֶע קְלַאס, בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אַייעֶר לֶערֶערִין תִּחְיֶ' אַייעֶרֶע בְּחִינוֹת אוֹיף הִלְכוֹת שַׁבָּת - הִלְכוֹת מֻקְצֶה; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ זֶען אַז אִיר לֶערְנְט אוּן קֶענְט גוּט דִי הֲלָכוֹת.

הִלְכוֹת שַׁבָּת מוּז מֶען לֶערְנֶען אוּן גוּט קֶענֶען; אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ חִלּוּל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִצְּלָן. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יוֹנָתָן אֵייבְּשִׁיץ זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (יַעֲרוֹת דְּבַשׁ חֵלֶק ב', ב): "וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט הִלְכוֹת שַׁבָּת אַפָּאר מָאל אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶר זָאל נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף הִלְכוֹת שַׁבָּת", עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי שְׁאֵלוֹת וָואס אִיר פְרֶעגְט, אִיךְ וֶועל אַרַיין שִׁיקְן פַאר אַייעֶר לֶערֶערִין דִי עֶנְטְפֶערְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁאֵלוֹת אִין הִלְכוֹת מֻקְצֶה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״ג כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד דִי תַּלְמִידוֹת פוּן דִי עֶלְצְטֶע קְלַאס, בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶרֶע פְרַאגֶעס.

דִי שְׁאֵלָה וָואס ... תְּחִיֶ׳ פְרֶעגְט, אוֹיבּ מֶען מֶעג שְׁפִּילְן שַׁבָּת דִי שְׁפִּיל פוּן מָאנַאפָּאלִי; עַל פִּי הֲלָכָה אִיז עֶס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, מֶעג מֶען שְׁפִּילְן דִי שְׁפִּיל; אָבֶער עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, וִוי עֶנְקֶער יָארְגַאנְג, אִיז בֶּעסֶער מֶען זָאל שְׁפִּילְן אַנְדֶערֶע שְׁפִּילְן וָואס אִיז נִישְׁט פוּן בִּיזְנֶעס אוּן גֶעלְט (עַיֵּין שְׁמִירַת שַׁבָּת כְּהִלְכָתָהּ פֶּרֶק טז, הֶעָרָה צא).

דִי צְוֵוייטֶע שְׁאֵלָה וָואס ... תְּחִיֶ׳ פְרֶעגְט, אַ סִידִי פְּלֶעיֶער אָדֶער אֵייפָּא״ד, אוֹיבּ דָאס אִיז מֻקְצֶה מֵחֲמַת חִסָּרוֹן כִּיס; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַרוֹיסְצוּהָאבְּן אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דֶער אָפְּטַייטְשׁ פוּן "מֻקְצֶה מֵחֲמַת חִסָּרוֹן כִּיס", אַזוֹי קֶען מֶען נָאכְדֶעם אַלֵיינְס ווִיסְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוֹיבּ דָאס אִיז מֻקְצֶה מֵחֲמַת חִסָּרוֹן כִּיס אָדֶער אִיז דָאס אַן אַנְדֶערֶע סָארְט מֻקְצֶה.

מֻקְצֶה מֵחֲמַת חִסָּרוֹן כִּיס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם דָאס נִישְׁט צוּ נוּצְן פַאר קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ; אַזַא זַאךְ טָאר מֶען נִישְׁט מְטַלְטֵל זַיין שַׁבָּת, אֲפִילוּ מֶען דַארְף דִי זַאךְ אָדֶער מֶען דַארְף דִי פְּלַאץ וואוּ עֶס לִיגְט. אַלֶע הַיינְטִיגֶע נַייעֶ כֵּלִים, וִוי אַ טֶעיפְּרֶעקָארְדֶער, אַ סִידִי פְּלֶעיֶער, אַ סֶענְסֶע קְלִיפּ, - דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט קַיין מֻקְצֶה מֵחֲמַת חִסָּרוֹן כִּיס, וַוייל מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם, וִוי אַזוֹי מֶען טְרָאגְט דָאס אוּן וואוּ מֶען לֵייגְט דָאס.

אוֹיבּ הָאט מֶען גָאר אַ טֵייעֶרֶע מַאשִׁין וָואס מֶען גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אִין דִי וָואכְן טֶעג וִוי אַזוֹי מֶען טְרָאגְט דָאס; מֶען וַוארְפְט עֶס נִישְׁט אוּן מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ נִישְׁט דֶערְמִיט - דֶעמָאלְט אִיז דָאס יָא אַ מֻקְצֶה מֵחֲמַת חִסָּרוֹן כִּיס, עֶס גֵייט אָן אַלֶע הֲלָכוֹת אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט מְטַלְטֵל זַיין אֲפִילוּ לְצֹרֶךְ.

מֶען דַארְף ווִיסְן אַז מֻקְצֶה מֵחֲמַת חִסָּרוֹן כִּיס הָאט נִישְׁט צוּטוּן נָאר מִיט דִי זַאךְ, עֶס הָאט אוֹיךְ צוּטוּן מִיטְ׳ן מֶענְטְשׁ; אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז יָא מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אִיר בַּאקוּמְט אַ סִידִי פְּלֶעיֶער אָדֶער אַ סֶענְסֶע אוּן אִיר זֶענְט זֵייעֶר מַקְפִּיד וואוּ דָאס זָאל לִיגְן, אִיר רִירְט דָאס נִישְׁט סְתָּם אַזוֹי, אִיר הַאלְט דָאס זֵייעֶר טֵייעֶר וֶוערְט עֶס פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ מֻקְצֶה מֵחֲמַת חִסָּרוֹן כִּיס (עַיֵּין מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן שח, סְעִיף קָטָן ב).

דִי שְׁאֵלָה וָואס ... תְּחִיֶ׳ פְרֶעגְט, וֶועגְן אַ טֶעלֶעפָאן וָואס אִיז פַארְלָאשְׁן, אוֹיבּ מֶען מֶעג דָאס מְטַלְטֵל זַיין שַׁבָּת; דָאס הָאט צוּטוּן מִיט דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע עֶנְטְפֶער. עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ מִיטְ׳ן טֶעלֶעפָאן, רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף זֵייעֶר טֶעלֶעפָאן; מֶען וַוארְפְט דָאס, מֶען גֶעבְּט דָאס פַאר אַ קִינְד צוּ שְׁפִּילְן, מֶען הַאלְט דָאס נִישְׁט אַזוֹי טֵייעֶר, בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן אִיז דֶער טֶעלֶעפָאן אַ כְּלִי שֶׁמְּלַאכְתּוֹ לְאִסּוּר, מֶעג מֶען עֶס מְטַלְטֵל זַיין פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן לְצֹרֶךְ גּוּפוֹ וּמְקוֹמוֹ, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער בַּעַל הַטֶעלֶעפָאן הַאלְט זַיין טֶעלֶעפָאן זֵייעֶר טֵייעֶר, עֶר אִיז זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, עֶר נֶעמְט דָאס נִישְׁט אַרוֹיס פוּנֶעם הַאלְטֶער, עֶר גֶעבְּט דָאס נִישְׁט פַאר קִינְדֶער צוּ שְׁפִּילְן אוּן עֶר וַוארְפְט דָאס נִישְׁט - בַּאקוּמְט דֶער טֶעלֶעפָאן אַ דִין פוּן אַ מֻקְצֶה מַחֲמַת חִסָּרוֹן כִּיס אוּן מֶען טָאר דָאס נִישְׁט רוּקְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן.

דִי שְׁאֵלָה וָואס ... תְּחִיֶ׳ פְרֶעגְט, אַ כְּלִי שֶׁמְּלַאכְתּוֹ לְאִסּוּר וָואס אִיז צֶעבְּרָאכְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַ טֶעלֶעפָאן וָואס אַרְבֶּעט מֶער נִישְׁט, עֶס אִיז צֶעבְּרָאכְן אוּן מֶען נוּצְט דָאס פַאר אַ שְׁפִּילְצֵייג, אוֹיבּ מֶען מֶעג שְׁפִּילְן מִיט דֶעם שַׁבָּת? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז יָא, מֶען מֶעג שְׁפִּילְן מִיט דֶעם.

דִי שְׁאֵלָה וָואס ... תְּחִיֶ׳ פְרֶעגְט; מֶען מֶעג זִיךְ אָנְלַאנֶען אוֹיף אַ קַאר וַוייל מֻקְצֶה אִיז נָאר אָסוּר צוּ מְטַלְטֵל זַיין, אַז דִי מֻקְצֶה רוּקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶס אִיז אַ שְׁוֶועדֶע זַאךְ - אִיז בַּיי דֶעם נִישְׁטָא דֶער אִיסוּר (רְמָ״א סִימָן שח, סְעִיף ג).

לֶערְנְט אוּן חַזֶּרְ׳ט הִלְכוֹת שַׁבָּת, נָאךְ אַבִּיסְל וֶוערְט אִיר אַלֶע כַּלּוֹת, אִיר אַלֶע וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן; דַארְפְט אִיר דָאךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ. אִיר וֶועט דַארְפְן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאגְן וָואס מֶען מֶעג יָא טוּן אוּן וָואס מֶען מֶעג נִישְׁט טוּן; אַז אִיר וֶועט נִישְׁט לֶערְנֶען, אִיר וֶועט נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן אַייעֶר טִיטְשֶׁער - וֶועט אִיר נִישְׁט וִויסְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ טֵייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא, דִי הֲלָכוֹת שִׁיעוּר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אַלֶעמֶען אָן אוֹיסְנַאם; יֶעדֶע הֲלָכָה אִיז וִויכְטִיג פַארְ׳ן לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶעס מָאל דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״ד כִּסְלֵו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶעס מָאל דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה; וֶוען דוּ קוּמְסְט זֶע אִיךְ דִיר מִיט אַ סֵפֶר - אָדֶער אַ מִשְׁנָיוֹת אָדֶער אַ גְמָרָא. אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה דִיר צוּ זֶען לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְ׳ן וֶועג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו).

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר וואוֹיל אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג.

אִיךְ בִּין דִיר מַכִּיר טוֹבָה פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט דִי מוֹסָד.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

...

### לַאכְט זִיךְ אוֹיס וֶוען אֵיינֶער מַאכְט אַייךְ אַוֶועק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״ד כִּסְלֵו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בַּיי מֵיידְלֶעךְ אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ דִי סְגוּלָה פוּן מִשְׁנָיוֹת; בַּיי מֵיידְלֶעךְ אִיז נִישְׁטָא קַיין לִימּוּד הַתּוֹרָה. מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן זָאגְן תְּהִלִּים, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי דוֹרוֹת.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן פוּן קֵיינֶעם; אִיךְ הֶער זָאגְן אַז מֶען בַּאנֶעמְט זִיךְ נִישְׁט שֵׁיין מִיט אַייךְ אִין אָפִּיס, מֶען שְׁטוּפְּט אַייךְ אַרוֹיס, מֶען מַאכְט אַייךְ אַוֶועק; נֶעמְט עֶס נִישְׁט צוּם הַארְצְן, דִי וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט שֵׁיין -דָאס אִיז זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם, דָאס דַארְף אַייךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, זֵיי דַארְפְן זִיךְ טוֹישְׁן.

לַאכְט זִיךְ אוֹיס וֶוען אֵיינֶער מַאכְט אַייךְ אַוֶועק; יֶעדֶעס מָאל מֶען גֶעבְּט אַייךְ שְׁלֶעכְטֶע בַּאנֶעמוּנְג (עֶדִיטוּד) זָאלְט אִיר גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל.

...

## אַז דֶער שִׁידוּךְ גֶעפֶּעלְט דִיר, אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וואו דוּ וֶועסְט וואוֹינֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״ד כִּסְלֵו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט וֶועגְן דֶעם שִׁידוּךְ וְכוּ׳, אַז דוּ וֶועסְט דַארְפְן גֵיין וואוֹינֶען וְכוּ׳; מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אוּן וָואס מִיר דַארְפְן טוּן, מֶען פִירְט פוּן הִימְל וואו צוּ וואוֹינֶען. אַז דֶער שִׁידוּךְ גֶעפֶּעלְט דִיר זָאלְסְטוּ לֵייגְן אִין דֶער זַייט אַלֶע טָפֵל׳דִיגֶע זַאכְן אוּן עֶנְדִיגְן בְּכִי טוֹב.

נָאךְ דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה הָאבְּן דִי שְׁאֵרִית הַפְּלֵיטָה נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואו צוּ גֵיין, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אִין לַאגֶער אוּן גֶעוַוארְט זִיךְ צוּ קֶענֶען מְסַדֵּר זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״עֶס אִיז מִיר אָנְגֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג גַאנְצֶע פֶּעק מִיט בְּרִיווּ, אַלֶעס מִיט דִי שְׁאֵלָה וואו מֶען זָאל גֵיין וואוֹינֶען; אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעטְרוֹיט צוּ עֶנְטְפֶערְן אַזַא שְׁאֵלָה, נָאר דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל הָאט גֶעקֶענְט זָאגְן וואו מֶען דַארְף וואוֹינֶען לוֹיט יֶעדְנ׳ס שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה״; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת צוּ זָאגְן וואו צוּ וואוֹינֶען.

נָאכְאַמָאל, טְרֶעף זִיךְ מִיט אִיר אוּן אוֹיבּ עֶס הָאט חֵן זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף וואו מֶען וֶועט וואוֹינֶען.

...

## וִוי אַזוֹי צוּ בַּאצָאלְן וָואס מֶען הָאט גֶע׳גַנְבְ׳עֶט אַלְס קִינְד פוּן גֶעשֶׁעפְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״ד כִּסְלֵו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א
לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אַז אַלְס קִינְד פְלֶעגְט אִיר גַנְבְ׳עֶנֶען פוּן גֶעשֶׁעפְטְן; אַסַאךְ קִינְדֶער טוּעֶן דָאס. אוֹיבּ אִיר גֶעדֶענְקְט דִי גֶעשֶׁעפְט זָאלְט אִיר אַרַיינְשִׁיקְן דִי גֶעלְט; אוֹיבּ אִיר

שֶׁעמְט זִיךְ קֶענְט אִיר עֶס אַרַיינְטְרָאגְן און זָאגְן אַז אַ חַבֶר'טֶע הָאט אַייךְ גֶעפְרֶעגְט וְכוּ', אָדֶער דוּרְךְ דִי פָּאסְט.

דִי גֶעשֶׁעפְטְן וָואס אִיר וֵוייסְט נִישְׁט, זָאלְט אִיר טוּן וָואס דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט (עַיֵּין פֶּרֶק ד' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה ג'; בֵּיצָה כט.): "גָּזַל וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ לְמִי גָּזַל, יַעֲשֶׂה בָּהֶם צָרְכֵי רַבִּים", מֶען זָאל טוּן גוּטְס פַאר אַנְדֶערֶע; דָאס אִיז אַ תִּיקוּן פַאר דֶער זַאךְ.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן דֶעם וָואס אִיר וִוילְט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן; דָאס קוּמְט מִיט דִי צַייט, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר וֶועלְן אַ שִׁידוּךְ און דָאס בַּאקוּמֶען.

...

## זוּכְט נִישְׁט אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן שְׁטוּבּ אוֹיף שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ד כִּסְלֵו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּלַייבְּט אִין שְׁטוּבּ; בְּלַייבְּט מִיט אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן שַׁבָּת און זוּכְט נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין. בַּאלְד הָאט אִיר חֲתוּנָה וֶועט אִיר עֶסְן דִי סְעוּדוֹת בַּיי זִיךְ, יֶעצְט כַּאפְּט אַרַיין צוּ זַיין מִיט זֵיי; דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם וֶועט אַייךְ בַּאגְלֵייטְן אַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן בָּזֶה וּבַבָּא.

אִיר וֶועט אוֹיךְ זַיין אַ בַּאבֶּע, אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן; וֶועט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט וֶועלְן בְּלַייבְּן אַלֵיין אָן קַיין אֵיין קִינְד.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, זַייט פְרֵיילִיךְ; אַ מֵיידְל אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, מֶען קוּקְט נָאר אוֹיף דֶעם.

...

## לָאמִיר זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב-מְבָרְכִים טֵבֵת, כ"ה כִּסְלֵו, א' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְקָרִים, טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן; שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ב) אַז חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (נוּסַח וְעַל הַנִּסִּים): "וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה אֵלּוּ - לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל".

יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אַרִיבֶּער וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, יֶעדְן אֵיינֶעם פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט גוּט, מֶען זוּכְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ'ס חֲסָדִים - קֶען מֶען טְרֶעפְן אִין דִי טוּנְקֶל אַ שַׁיין.

דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן חֲנוּכָּה; אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען טָמֵא, נָאר אֵיין קְרִיגֶל אוֹיל אִיז גֶעבְּלִיבְּן רֵיין, פוּן דֶעם הָאט מֶען גֶעמַאכְט דֶעם יוֹם טוֹב.

אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין וָואס וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען דִי חַשְׁמוֹנָאִים וָואלְטְן נִישְׁט גֶעוֶוען בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים, זֵיי וָואלְטְן גֶעמַאכְט אַנְשְׁטָאט אַ יוֹם טוֹב - אַ תַּעֲנִית, עֶס וַוייזְט זִיךְ אוֹיס אַז דִי חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען גֶעוֶוען בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט 'אַזַמְרָה' (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב) - גֶעזוּכְט דִי נְקוּדָה טוֹבָה אוּן פוּן דֶעם גֶעמַאכְט אַן עֵסֶק.

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, לָאמִיר זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן, לָאמִיר זִינְגֶען: "וּמְנוֹתַר קַנְקַנִּים...", לָאמִיר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף וָואס מִיר זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן. אֲפִילוּ דִי יְוָנִים, דֶער יֵצֶר הָרָע - הָאט מִיר מְטַמֵּא גֶעמַאכְט, עֶר הָאט מִיר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיךְ בִּין אֵיין שְׁטִיק טָמֵא, אִיךְ הִיט נִישְׁט מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ שְׁמוּצִיגֶע גֶעדַאנְקֶען - דָאךְ זוּךְ אִיךְ אִין מִיר אַ גוּטֶע נְקוּדָה, פוּן דֶעם מַאךְ אִיךְ אַן עֵסֶק.

טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, לָאמִיר רַאטֶעוֶועןאַנְדֶערֶע אִידְן, לָאמִיר רַאטֶעוֶוען אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער; מִיר דַארְפְן עוֹסֵק זַיין אִין 'הֲפָצָה', יֶעדֶער דַארְף טְרַאכְטְן 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ רַאטֶעוֶוען אַ צְוֵוייטְן?'

דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַזוֹיפִיל נִסְיוֹנוֹת; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט פוּן דֶער וֶועלְט אוּן אַזוֹיפִיל טְרֵיף פָּסוּל פַארְמֶערְט זִיךְ, אֵיין בְּלֶעטְל

פוּן רֶבִּי'ן וֶועט אַלֶעס רַאטֶעוֶועןֹ"; אַזוֹי ווִי רַשִׁ"י זָאגְט (פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב; בְּרֵאשִׁית לז, א): "הַפֶּחָמִי תָּמֵהַּ, אָנָה יִכָּנֵס כָּל הַפִּשְׁתָּן הַזֶּה", וָואס טוּט מֶען מִיט אַזוֹיפִיל פְּרָאבְּלֶעמֶען? קוּמְט דֶער פִּקֵּחַ, דֶער מֵפִיץ אוּן זָאגְט: "אֵיין פִינְק, אֵיין סֵפֶר, אֵיין קוּנְטְרֵס, גִּלְיוֹן - פוּן רֶבִּי'ן פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים".

טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, אִיר פָארְט "זֹאת חֲנוּכָּה" קַיין יַבְנְאֵל, בֶּעטְס פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ אוּן קֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן אַ לִיכְטִיגֶער חֲנוּכָּה.

...

## מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם, וֶועט עֶס אַוֶועקְגֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב-מְבָרְכִים טֵבֵת, כ"ה כִּסְלֵו, א' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, זֵיי זֶענֶען לִיכְטִיג אוּן טֵייעֶר.

אִיךְ ווִיל דִיר הֶעלְפְן מִיט אַ גוּטֶע עֵצָה בְּנוֹגֵעַ דַיין טָאכְטֶער וָואס זִי גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער, אַז זִי מַאכְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַאקְסְן, זִי בְּלִינְקְט אַסַאךְ מִיט דִי אוֹיגְן. אֵיין טָאג הָאט זִי גֶעוֵויינְט צוּ אִיר טִיטְשֶׁער אַז אִיר זֵיידֶע זָאגְט זִי הָאט אַ קְרַאנְקְהֵייט אִין אִיר אוֹיג ווַייל זִי בְּלִינְקְט אַסַאךְ, אִיר טִיטְשֶׁער הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי אִיז וואוֹיל אוּן גֶעזוּנְט, זִי הָאט אִיר פְּרוּבִּירְט צוּ בַּארוּאִיגְן אָבֶער זִי הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט, זִי הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט: "אִיךְ הָאבּ אַ מַחֲלָה", וְכוּ', וְכוּ'; אוּנְזֶערֶע טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט חוֹזֵק צוּ מַאכְן אָדֶער אַרָאפְּקְלַאפְּן, זִי זָאגְט פַאר דַיין טָאכְטֶער: "אִיךְ זֶע נִישְׁט ווִי דוּ בְּלִינְקְסְט", אוּן זִי לֵייגְט צוּ: "קוּק, אִיךְ בְּלִינְק אוֹיךְ", אָבֶער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דַיין טָאכְטֶער הָאט גֶעזָאגְט מִיט גֶעוֵויין: "אִיךְ צִיטֶער", וְכוּ', וְכוּ'. ווִי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי, אִיר אַלְס עֶלְטֶערְן פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן דָאס בֶּעסְטֶע, אִיר ווִילְט נִישְׁט זִי זָאל בְּלַייבְּן מִיט דִי פַאקְס וְכוּ', אִיר טְרַאכְט אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט אִיר דֶערְשְׁרֶעקְן אָדֶער דָאס גְלַייכְן וֶועט עֶס אַוֶועק גֵיין.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן; וָואס יָא? אִיךְ הָאבּ אַן עֵצָה פַאר אַייךְ פוּן מוֹהֲרַא"שׁ.

איך הָאבּ גֶעהַאט בַּיי אֵיינֶע פוּן מַיינֶע קִינְדֶער אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ, אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַּאקְסְן מִיט זַיינֶע לִיפְּן אוּן פִינְגֶערְס, יֶעדֶעס מָאל עֶר פְלֶעגְט הֶערְן אֵיינֶעם רֶעדְן פְלֶעגְט עֶר אָנְהֵייבְּן פַארְמַאכְן אוּן אוֹיפְמַאכְן דִי לִיפְּן, אוּן אָנְהֵייבְּן טַאפְּן מִיט דִי פִינְגֶער אִין דִי לוּפְט; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט כַאפְּן וָואס אִיז גֶעוֶוען, אָבֶּער גְלֵייבּ מִיר, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג.

איך אוּן מַיין וַוייבּ זֶענֶען גֶעוֶוען אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין זוּן?" אִיךְ הָאבּ נָאכְגֶעמַאכְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ וִוי אַזוֹי מַיין זוּן הָאט גֶעמַאכְט מִיט דִי לִיפְּן אוּן מִיט דִי פִינְגֶערְס, אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס צוּ טוּן. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֹב חָכְמָתוֹ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק, זָאג נִישְׁט גָארְנִישְׁט - וֶועט עֶס אַוֶועק גֵיין", וְכַךְ הֲוָה.

בֶּעט אִיךְ דִיר, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דַיין טָאכְטֶערְס פָּנִים דִי פַאקְסְן זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן; מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק דֶערְפוּן, וֶועט עֶס אַוֶועק גֵיין.

איך וֵוייס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, עֶס שְׁטֶערְט פַאר טַאטֶע מַאמֶע צוּ זֶען אוֹיפְ'ן קִינְד אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַּאקְסְן, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, פַארְבַּייס דִי לִיפְּן, בֶּעט שְׁטִילֶערְהֵייט: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מַיין טָאכְטֶער זָאל נִישְׁט מַאכְן דִי פַּאקְס, זִי זָאל נִישְׁט בְּלִינְקֶען אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט**", וֶועסְטוּ זֶען וִוי עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין.

איך קֶען דִיר דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט מִיט דִי קִינְדֶער; קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעהַאט צוּטוּן מִיט גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא, פְּחָדִים מִיט נֶערְוְון וְכוּ', וְכוּ', זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְלוֹירְן, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס צוּ טוּן, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק, נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן מִיטְ'ן פְּרָאבְּלֶעם נָאר עֶס אִיגְנָארִירְן; זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דָאס אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ מַתָּנָה, אַ מוֹסָד פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וואוּ דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס גֶעבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן קִינְד; דָאס אִיז בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר, אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶערְ'ס גֶעפִילְן, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין קַאנְפִידֶענְט, זִיכֶער מִיט זִיךְ, מֶען זָאל נִישְׁט לַאכְן פוּן זֵיי, מֶען זָאל נִישְׁט חָלוֹמְ'עֶן אַז עֶפֶּעס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי, כְּדֵי זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן

שְׁטַארְק.

אִיךְ וָואלְט דִיר דָאס גֶעקֶענְט זָאגְן פֶּערְזֶענְלִיךְ, דָאךְ הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעשְׁרִיבְּן וַוייל נָאךְ אַסאךְ עֶלְטֶערְן וֶועלְן קֶענֶען נוּצְן דֶעם בְּרִיוו און נִישְׁט שֶׁעדִיגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וַוייל דֶערְשְׁרֶעקְן הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער.

אַ פְרֵייליכְן חֲנוּכָּה.

...

## מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם פַּךְ שֶׁמֶן וָואס דֶערְלַייכְט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״ז כִּסְלֵו, ג׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן הַלֵּל וְהוֹדָאָה, פוּן דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דוּ זִיצְט בַּיי דִי לֶעכְט זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט, בִּפְרַט אוֹיף דִי חֶסֶד אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן דֶעם פַּךְ שֶׁמֶן; אִין אַזַא טוּנְקֶלְקֵייט, אִין אַ דוֹר וָואס עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל טוּמְאָה, אַזוֹיפִיל נִסְיוֹנוֹת, הָאבְּן מִיר דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת און חִיזוּקִים - דִי שֶׁמֶן טָהוֹר.

דוּרְךְ דִי פַּךְ שֶׁמֶן קֶענֶען מִיר אָנְצִינְדְן דִי מְנוֹרָה; מִיר קֶענֶען בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶערֶע ז׳ נֵרוֹת, דִי אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז און מוֹיל (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן כא).

...

## דִי מֵפִיצִים וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם, זֶענֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ז כִּסְלֵו, ג׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק בְּתִקּוּן הָעוֹלָם, לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת

שַׁדַּי; דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט אֱמוּנָה, דוּ טְרוּנְקְסְט אָן בֵּיימֶער; דוּ פָאלְגְסְט דֶעם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג): "מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גֶעוֶועזְן אַ חָכָם, פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה אַז זֵיי זָאלְן אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער; אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן: 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'".

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר (בְּסֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה"; אוּן מֶען דַארְף עֶס אָנְטְרִינְקֶען מִיט אֱמוּנָה.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיב דוּ קֶענְסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דַיין נוּמֶער, וֶוער עֶס וִויל בַּאקוּמֶען אִין פָּאסְט אַלֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף אַ יוּ עֶס בִּי זָאל אַרַיינְרוּפְן אוּן דוּ וֶועסְט דָאס שִׁיקְן אָן קַיין פְּרַייז, נָאר שְׁרַייבְּן מֶען זָאל שִׁיקְן צְדָקָה וִויפִיל מֶען וִויל גֶעבְּן; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר, אַז דוּ בִּיסְט גְרֵייט דָאס צוּ מַאכְן וֶועסְטוּ נָאר פַארְדִינֶען פוּן דֶעם.

אַלֶע מְפִיצִים וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה לְשֵׁם הֲפָצָה, זֵיי זוּכְן נִישְׁט גֶעלְט, זֵייעֶר קָאפּ לִיגְט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ - דִי זֶענֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ. דִי וָואס טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט זֶענֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ, עֶס אִיז דָאךְ אַן הַבְטָחָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ: "וֶוער עֶס וֶועט גֵיין הֲפָצָה וֶועט הָאבְּן גֶעלְט אִין טַאשׁ"; אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי מַצְלִיחַ וִוי דִי וָואס דִי קָאפּ לִיגְט אִין אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, דִי וָואס טְרַאכְטְן 'וִוי קֶען מֶען מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אַ אִיד? וִוי קֶען מֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' - דִי זֶענֶען מַצְלִיחַ.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֶעבּ אִיבֶּער אַ וַוארֶעמֶע גְרוּס פַאר אַלֶע חֲבֵרִים אִין שׁוּל וּבִפְרַט פַאר דִי וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָארְגְט נִשְׁט פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ, אַ שִׁידוּךְ קוּמְט פוּן הִימְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵו, ג' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז אַייךְ אוּן וואוּיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן אִיר גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה. אֲפִילוּ אִיר זֶענְט אֵיינֶער אַלֵיין, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פִירְט זִיךְ דֶערְוַוייל נִשְׁט מִיט דִי תּוֹרָה - זֶענְט אִיר עֶרְלִיךְ, אִיר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָארְגְט נִשְׁט פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ, אַ שִׁידוּךְ קוּמְט פוּן הִימְל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר אִיז מְזַוֵּג זִיווּגִים; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִווּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא" אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט שִׁידוּכִים.

אַז אִיר וִוילְט אַ שִׁידוּךְ פוּן אוּנְזֶער קְהִלָּה זָאלְט אִיר זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט מָרַת ...., זִי וֶועט פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין שַׁדְכָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קְלֶעבּ נִשְׁט קַיין סְטִיקֶערְס אוֹיף דִי גַאסְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵו, ג' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קְלֶעבּ נִשְׁט קַיין סְטִיקֶערְס; מַאךְ נִשְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ זֶען סְטִיקֶערְס פוּנֶעם הַאטְלֵיין

אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין אַלֶע גַאסְן, קְלֶעבְּן סְטִיקֶערְס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג.

אַז דוּ ווילְסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי נוּמֶער פוּנֶעם הַאטְלַיין קֶענְסְטוּ גֶעבְּן קַארְטְלֶעך מִיטְ'ן נוּמֶער; קְלֶעבּ נִישְׁט קַיין סְטִיקֶערְס, דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער וֶועג.

בִּכְלַל דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען גֵייט הֲפָּצָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע"; מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַלֶע זָאלְן זֶען ווי אַזוֹי אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד פִירְט זִיךְ, וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים.

נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט הַתְמָדַת הַתּוֹרָה; מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, הֲלָכָה אוּן אוֹיךְ אִינֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט אוֹיף וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ ווייטֶער לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג. דִי לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט אִין חֵדֶר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט פַארְשְׁטַאנְד, אוֹיסְהֶערְן דַיין מְלַמֵּד אוּן דָאס גוּט אִיבֶּער חַזְרְ'ן, אִין דַיין אִיבְּרִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט, דָארְט זָאלְסְטוּ גֵיין זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בְּלַייבּ מִיט דַיין טַאטֶעְ'ס מִנְהָגִים, נֶעם דֶעם רֶבִּי'ן נָאר מוֹסִיף צוּ זַיין**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת מִקֵץ, כ"ז כִּסְלֵו, ג' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ מְשַׁנֶה זַיין פוּן דֶרֶךְ אָבוֹת, דוּ בִּיסְט אַוֶועק פוּן וֶועג, דוּ עֶסְט נִישְׁט קַיין צְווִיבְּל וְכוּ'; קֶענְסְט עֶסְן צְווִיבְּל, קֶענְסְט עֶסְן יוּנְגֶע צְווִיבְּל דָאס אִיז אוֹיךְ צְווִיבְּל, דִי אַנְדֶערֶע צְווִיבְּל זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶסְן; דָאס אִיז סַם, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסה) מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן קַיין רוֹיעֶ

צְוִיבְּל, "אֲפִלּוּ עִם שֶׁמֶן אוֹ שׁוּמָן, וַאֲפִלּוּ עַל יְדֵי תַּעֲרוֹבוֹת, כְּגוֹן עַל יְדֵי בֵּיצִים וְכַיּוֹצֵא", אֲפִילוּ מִיט אויל אָדֶער שְׁמַאלְץ, אָדֶער אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט אַייעֶר, און אֲפִילוּ שַׁבָּת, "וְהִלְעִיג עַל הָאוֹמְרִים שֶׁבְּשַׁבָּת מִצְוָה לֶאֱכֹל דָּבָר הַמַּזִּיק, שֶׁהֵם בְּצָלִים חַיִּים", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁפֶּעט פון דִי וָואס זָאגְן אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ עֶסְן שַׁבָּת רוֹיעֶ צְוִיבְּל, "וְאָמַר שֶׁהֵם מַזִּיקִים מְאֹד לְכַמָּה דְּבָרִים, וְחָשַׁב אָז כַּמָּה עִנְיְנֵי חוֹלַאַת וּמַכְאוֹבִים וַחֲלִישׁוּת שֶׁגּוֹרְמִים", דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַסַאךְ זַאכְן וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען עֶסְט רוֹיעֶ צְוִיבְּל.

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע אַנְדֶערֶע שְׁאֵלוֹת; עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן דַיין שְׁאֵלָה, מַאךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֵיין אוֹיפְ'ן אֱמֶת'ן וֶועג, 'הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ', הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְ'ן, אִיךְ זָאל גֵיין אִין דִי אֱמֶתְ'עֶ וֶועג".**

בְּלַייבּ מִיט דַיין טַאטֶע'ס מִנְהָגִים; נֶעם דֶעם רֶבִּי'ן נָאר אוֹיף מוֹסִיף זַיין בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נִישְׁט אוֹיף אָפְּלָאזְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ לִיכְטִיגֶער חֲנוּכָּה.

...

**זַייט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ מִיט דִי וֶועגְן פון מוֹהֲרַאְ"שׁ אִין יַבְנְאֵל**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵו, ג' דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ', יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס פַּאר אַ נַחַת רוּחַ אִיר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם וָואס אִיר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן אַייעֶר הָאר, אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן פַאר אַייךְ און פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת; אִיר וֶועט הָאבְּן הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת, לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן.

מוֹהֲרַאְ"שׁ וֶועט זַיין פַאר אַייךְ אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר, וַוייל מוֹהֲרַאְ"שׁ הָאט זִיךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען קְדוּשָּׁה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער; עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטָאט יַבְנְאֵל מִיט אַזוֹיפִיל מִי און פְּלָאג, און

אַלְץ גֶעגֶעבְּן דִּי פְּרוּוִיעֶן זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ בַּארִימֶען פַאר אוּנְז אִין אַמֶעריקֶע: "אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטָאט פוּן טֵייעֶרֶע סְפַרְדִּי'שֶׁע מִשְׁפָּחוֹת וָואס אַלֶע שֶׁערְן זִיךְ אָפּ דִּי הָאר".

מַיין זֵיידֶע, דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רַב שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אִין יַבְנְאֵל, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט פוּן הִתְרַגְּשׁוּת צוּ זֶען אַ שְׁטָאט פוּן טֵייעֶרֶע לִיבֶּע סְפַרְדִּי'שֶׁע מִשְׁפָּחוֹת וָואס פִירְן זִיךְ בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

יֶעצְט אַז אִיר זֶענְט מַמְשִׁיךְ דִּי וֶועג פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיר גֵייט נִישְׁט מִיט דִּי נֵייעֶ ווִינְטְן וָואס בְּלָאזְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אִיר זֶענְט פֶעלְזְן פֶּעסְט מִיט אֵייעֶר צְנִיעוּת, אִיר שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם - וֶועט אַייךְ מוֹהֲרָא"שׁ זִיכֶער מַכִּיר טוֹב זַיין, אִיר וֶועט הָאבְּן נָאר גוּטְס.

וֶוען אִיר הָאט צַייט זָאלְט אִיר זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים; בְּשְׁעַת אִיר זָאגְט דִּי קַאפִּיטְלֶעךְ זָאלְט אִיר אַרַיינְלֵייגְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת, וֶועט אִיר זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעט אִיבֶּער אַ גְרוּס פַאר אַייעֶר טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, זָאגְט אִים אַז אִיךְ הָאבּ לִיבּ אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה מִיט זַיינֶע חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

**זַייט אַייךְ מְקַבֵּל אַ גוּטֶע זַאךְ, וָואס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר אַייךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵו, ד' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ וֶועל וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אַייךְ; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער.

אַ שַׁדְכָן'ס אַרְבֶּעט אִיז נִישְׁט נָאר מַאכְן דִּי שִׁידוּךְ אוּן אַוֶועק גֵיין וְכוּ', אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַייעֶר שִׁידוּךְ וֶועל אִיךְ מִיטְגֵיין מִיט אַייךְ אוֹיף וַוייטֶער, אִיךְ וֶועל וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא אוּן דִּי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זַיי חֲתוּנָה מַאכְן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

חֲנוּכָּה אִיז אַ גְרוֹיסֶע צַייט; ווייל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, בֵּיידֶע פוּן אַייךְ, אִיר זָאלְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַ גוּטֶע זַאךְ; עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין אַ גְרוֹיסֶע קַבָּלָה, דֶער עִיקָר זָאל עֶס זַיין מִיט אַ תְּמִימוּת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְנָחוֹת קי.): "אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם"; אִיר דַארְפְט קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, דָאס זָאל זַיין צְווִישְׁן אַייךְ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ זְכוּת פַאר אַייךְ.

בְּנוֹגֵעַ מַאכְן וְכוּ'; מַאכְט נִישְׁט וְכוּ', אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**פִיר דִי שׁוּל אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעזֶען אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵו, ד' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת פוּן ... נֵרוֹ יָאִיר צוּ נוּצְן זַיין גַארַאזְשׁ צוּ בּוֹיעֶן אַ מִקְוֶה; אִיךְ הָאף בִּיז אַ וָואךְ צְוֵויי וֶועט זַיין גְרֵייט דִי מִקְוֶה, וֶועט אִיר קֶענֶען דַאוְונֶען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִינֶעם נֵייעֶם שׁוּל.

אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַ קָאמְפְּלִימֶענְט, דֶער בַּעַל הַבַּיִת ר' ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר אַז עֶר אוּן זַיין וַוייבּ זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן אַז דוּ בִּיסְט גַבַּאי, זֵיי זֶענֶען רוּאִיג אַז דֶער שׁוּל הָאט אַן אַחְרַיוּת'דִיגֶער גַּבַּאי, אַלֶעס אִיז זוֹיבֶּער אוּן שֵׁיין צַאמְגֶענוּמֶען.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט וַוייטֶער מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן; דוּ וֶועסְט פִירְן דֶעם שׁוּל, עֶס זָאל זַיין רֵיין, מֶען זָאל דַאוְונֶען אִין צַייט אוּן אַלֶעס זָאל זַיין עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב. פִיר דִי שׁוּל אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעזֶען אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה; לֵייג נִישְׁט צוּ אוּן נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

לְעֵת עַתָּה זָאל דִי שׁוּל זַיין אִין בַּאנוּץ נָאר שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים, אוֹיךְ דִי מִקְוֶה וָואס מִיר גֵייעֶן יֶעצְט מַאכְן זָאל זַיין נָאר פַאר שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי.

...

## דַאוֶונֶען מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵו, ד' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גְעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי זִיבְּן אוּן זִיבֶּעצִיגְסְטֶע מָאל גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פַאר'ן מֶענְטְשׁ וִוי לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, מִשְׁנָיוֹת וַואשְׁט אָפּ דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן טֻמְאוֹת.

זַייעֶנְדִיג אִין שְׁטֶעטְל דִי פָּאר טֶעג הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דוּ דַאוֶונֶסְט אָן אַ הוּט אוּן רֶעקְל, אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט יָא דַאוֶונֶען מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל; מֵילָא דִי אִינְגֶעלַייט וָואס אַרְבֶּעטְן אוּן בּוֹיעֶן, זֵיי וֶוערְן שְׁמוּצִיג - זֵיי קֶענֶען נִישְׁט גֵיין מִיט דִי הוּט אוּן רֶעקְל אַ גַאנְצְן טָאג, זֵיי קוּמֶען פוּן דִי אַרְבֶּעט אוּן כַאפְּן זִיךְ אַרַיין אִין שׁוּל דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶער אַז דַיין אַרְבֶּעט אִיז אַ רֵיינֶע אַרְבֶּעט, דוּ זִיצְט אִין אָפִּיס - דַארְפְסְטוּ יָא קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט הַכְנָעָה.

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אִין יַבְנְאֵל מֶען זָאל קוּמֶען דַאוֶונֶען מִיט הַכְנָעָה, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; אָנְגֶעטוּן וִוי עֶס פַּאסְט פַאר'ן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דִי בְּרִיוו עֶרְנְסְט, דוּ וֶועסְט קוּמֶען דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, אִיךְ זָאג דִיר וָואס צוּ טוּן נָאר וַוייל אִיךְ הַאלְט דִיר וִוי מַיין אֵייגְן זוּן.

...

## אַ שָׁאד דִי צַייט אוּן דָאס גֶעלְט פַאר טֶערֶעפִּי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵו, ד' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

בְּנוֹגֵעַ גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי, אִיר זָאגְט אִיר ווִילְט גֵיין אוֹיף טֶערֶעפִּי אוּן אִיר גֵייט נִישְׁט וַוייל אִיךְ לָאז אַייךְ נִישְׁט גֵיין; עֶרְשְׁטְנְס, אִיךְ זָאג נִישְׁט פַאר אַ צְוֵוייטְן וָואס

צוּ טוּן, צְוֵוייטְנְס, אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי, אַז אִיר ווִילְט גֵיין – זָאלְט אִיר גֵיין, אִיךְ זָאג נָאר אַז טֶערֶעפִּי אִיז אַ לִיגְנְט, עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט, עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט אוּן אַ שָׁאד דָאס גֶעלְט.

אוֹיבּ אִיר ווִילְט גֵיין, אִיר טְרַאכְט אַז טֶערֶעפִּי וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן – זָאלְט אִיר גֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן; אַייעֶר מַאן וֶועט אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אוּן גֶעוָוארְנְט עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין דֶעם, עֶר זָאל טוּן וָואס אִיר ווִילְט; מֶען בַּאצְווִינְגְט נִישְׁט קֵיינֶעם וָואס צוּ טוּן, יֶעדֶער אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ טוּן וָואס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר אִים.

אִיךְ מַאךְ שְׁטֶענְדִיג חוֹזֵק בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן טֶערֶעפִּי, וַוייל אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן – מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ – וָואס פַאלְן אַרַיין אִין דֶעם לִיגְנְט; מֶען פַארְבְּרֶענְט טֶעג, וָואכְן, חֳדָשִׁים אוּן יָארְן, עֶס קָאסְט אָפְּ שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ אוּן בַּיים סוֹף זָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז אַ גְנֵיבָה.

וָואס יָא? נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן מָשִׁיחַ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ב) אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה; קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע סְגוּלָה, מֶען וֶועט נִישְׁט גֵיין צוּ קֵיינֶעם – נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס וֶועט הָאבְּן אַ צָרָה וֶועט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן, מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ גוֹיִם, אַלֶע פֶעלְקֶער – וֶועלְן אַיינְעֶרְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעמְט אַפָּאר מִינוּט אוּן גֵייט אִין אַ זַייט וֶוען דִי שְׁטוּבּ אִיז לֵיידִיג, אַייעֶר מַאן אִיז בַּיי דִי אַרְבֶּעט, דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, אִיר זֶענְט אִין שְׁטוּבּ אַלֵיינְס מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער – אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, בֶּעטְס אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ, דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס לִיגְט אַייךְ אוֹיפְ׳ן הַארְץ, אַלֶעס וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעלֵייגְט בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן פוּן קִינְדְוַוייז אָן. שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט סַיי ווִי אַלֶעס, עֶר וֵוייסְט אַלֶעס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם גִלְגוּל, פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע גִלְגוּלִים אוּן וָואס וֶועט זַיין וַוייטֶער וְכוּ׳, זָאגְט פַארְ׳ן בַּאשֶׁעפֶער דִי וֶוערְטֶער:

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער יָארְן, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר ..., אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט צוּטוּן מִיט מַיינֶע בְּרִידֶער ..., אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְמַאכְט;**

יֶעצְט קְלַאפְּט עֶס אוֹיס אוֹיף מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם וַוייל קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, דֶער טֶערֶעפִּיסְט אִיז אַ בָּשָׂר וָדָם וָואס קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיז וִוי קֶען עֶר מִיר הֶעלְפְן?

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ גֵיי נָאר צוּ דִיר, אִיךְ גְלֵייבּ אִין דִיר; דוּ וֵוייסְט וִוי שְׁטַארְק אִיךְ פַּיינִיג זִיךְ, דוּ וֵוייסְט וִוי דֶעפְּרֶעסְט אִיךְ בִּין; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שַׁייכוּת מִיט מַיין מַאן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ מַיינֶע קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".

נָאכְאַמָאל, אוֹיבּ אִיר ווילְט יָא גֵיין, עֶס אִיז אַייךְ גְרִינְגֶער צוּ גֵיין צוּ אַ פְרוֹי אָדֶער אַן אַלְטֶע מֵיידְל, אַ טְשַׁאדֶעלֶע בַּאדֶעלֶע וְכוּ' - קֶענְט אִיר גֵיין; אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל רֶעדְן צוּ אַייעֶר מַאן עֶר זָאל אַייךְ טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן הָאבְּן נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

...

מִיר טָארְן זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵו, ד' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּנֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט זֵייעֶר פַיינְט דֶעם רֶבִּי'ן; עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם עֶס זָאלְן זַיין טוֹיזְנְט אוּן אֵיין רֶבִּי'ס, נָאר נִישְׁט דֶער רֶבִּי. דֶער רֶבִּי אִיז לוֹחֵם מִיט אִים, דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ מִיט אַלֶע זַיינֶע קְלִיעֶנְטְן, מִיט אַלֶע בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת; בִּפְרָט דִי אַלֶע וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלַן, דִי אַלֶע אִיז דֶער רֶבִּי מְחַזֵּק זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר טָארְן זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶועט פְּרוּבִּירְן זַיינְס - דָאס צוּ שְׁטֶערְן, יֶעדְן טָאג מִיט אַ צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה, אָבֶּער מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

יֶעצְט פְּרוּבִּירְט עֶר מִיט אַ פְרִישֶׁע וֶועג, עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁטִיקְל רַייבֶּעְרַיי צְווִישְׁן ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן ... נֵרוֹ יָאִיר; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זֶען דִי הַדְפָּסָה זָאל אָנְגֵיין, מֶען זָאל נִישְׁט אוּנְטֶערְבְּרֶעכְן אוּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאגְנוּגְן מִיט ווִיפִיל מֶען טוּט, נָאר אַלְץ גֵיין מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ, כְּשִׁיטַת בֵּית הִלֵּל.

דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, א): "אֵיזֶהוּ עָשִׁיר - הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ", וֶוער אִיז רַייךְ? דֶער וָואס אִיז צוּפְרִידְן; דָאס אִיז נָאר בַּיי פְּרִיוַואטֶע נְכָסִים, נִישְׁט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחָנִיּוּת.

...

## גֶעבְּן צוּ לֵייזְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵו, ד' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', אָפִּיס**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאל מֶען נוּצְן ... פַאר אִינְשׁוּרֶענְס; אַזוֹי זָאל מֶען טוּן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, מֶען זָאל שְׁטִיצְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיךְ הָאף אַלֶע וֶועלְן אַזוֹי טוּן.

עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר וֶוען אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ גֶעבְּן פַּרְנָסָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אֲפִילוּ אִיךְ קֶען הָאבְּן בִּילִיגֶער דוּרְךְ פְּרֶעמְדֶע - צוּ זֶען ווִי דִי פַאר וֶועם מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן וֶועג, זֵיי אִינְטֶערֶעסִירְט גָארְנִישְׁט; זֵיי קוּקְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט, זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט אַרוֹיס אַ טְרִיט פַאר אַנְדֶערֶע.

אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, אִיךְ דַארְף זַיין זֵייעֶר אַיינְגֶעצוֹימְט וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, וֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע פַּרְנָסָה אִיז נָאר פוּן דֶעם וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן וֶועג פַאר זֵיי אוּן זֵיי רִירְן זִיךְ נִישְׁט פַאר אַנְדֶערֶע.

פוּן הַיינְט אָן זָאל מֶען קוֹיפְן אִינְשׁוּרֶענְס בַּיי ...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער

*אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער:*

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד אוּן מַיין מַאמֶע פְלֶעגְט מִיר אוֹיסְקֶעמֶען מַיינֶע הָאר הָאט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי גֶעטוּן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט שְׁרֵייעֶן "אָהּ!!!" אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דֶעמָאלְט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט וֵוייטָאגְן אִין לֶעבְּן, מֶען דַארְף דָאס אָנְנֶעמֶען אוּן נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, נָאר וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז פַאר דִי גוּטְס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

